# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

גיליון כ"ב - פר' וירא תש"פ

## די נושא פון מלאכים

מיר שטיין אין פרשת וירא, סאיז דא אסאך אסאך גוטע זאכן וואס אונז לערנען פון די פרשה. אסאך יסודות פון כלל ישראל. אבער איך וויל אריינגיין בס"ד אין א נושא, פון איינע פון די זאכן וואס מיר טרעפן אין די פרשה, און דאס איז די מעשה פון די דריי מלאכים וועלכע זענען געקומען צו אברהם אבינו, זיי האבן דארטן געגעסן. ס'טוט זיך א גאנצע זאך אז זיי האבן זיך דארט צופיל אראפגעלאזט און זענען דארט נתגשם געווארן (לאמיר דאס בעסער רופן, זיי האבן געהאט א שטארקע גשמיות). איך וועל פראבירן ארומרעדן בכלליות - ארום די נושא וואס רופט זיך 'מלאכים'.

אונז אלע, במשך דעם טאג, זאגט מען אין דעם נוסח התפילה כל מיני זאכן. וואס איז וועגן מלאכים, מ'זאגט למשל ביי "יוצר אור", וועגן די קדושת המלאכים, יוצר משרתים ואשר משרתיו כולם עומדים וכו' אויך ביי 'קדושה'. און ביי די קדושה פון 'ובא לציון'. אויך ווייסט יעדער איינער-שבת באגלייטן צווי מלאכים די מענטש.

### וואס איז א מלאך

וואס גייט דא פאר אין די נושא פון מלאכים? און, צו אונז בכלל האבן שייכות, אונז פארען זיך מיט א מושג פון מלאכים?

באמת, טאמער א מענטש וועט אריין טראכטן, וואס איז דער טייטש מלאך?

"וישלח יעקב מלאכים" - מלאכים איז דער טייטש שליחים. איינער וואס ער טוט א שליחות, רופט זיך א מלאך. און היות ווי מלאכים טועהן שליחותו של מקום, זענען זיי שליחים פון אויבערשט'ן - דאס הייסט א מלאך.

ס'איז ידוע, אז ס'איז דא אסאך סארטן שליחים. ס'איז דא שליחים לטובה - ווייסע מלאכים. ס'איז דא שליחים, וואס קוקן אונז אויס (פאר אונז על כל פנים) אז זיי זענען שווארצע מלאכים.

### א מלאך איז א כח רוחני

אזוי ווי מ'וועט נעמען א מלאך וואס ס'איז דא אין הימל. א מלאך איז א כוח רוחני פון אויבערשטן, וואס יעדער איינער ווייסט. אמענטש האט א 'יצר טוב' מיט א 'יצר הרע'. א 'יצר' הרע הייסט א איבררעדער, אינער וואס רעדט איבער די מענטש צו טוען שלעכט און א 'יצר' טוב איז כח רוחני. וואס רעדט איבער די מענטש צו טוען גוט., און ב'אמת דאס רופט זיך מלאכים - זיי טועהן שליחות פון אויבערשט'ן, דאס איז זייער שליחות אויף די וועלט.

### וואס קען א מלאך טוהן

דא אין פרשה, למשל, טרעפט מען איין מלאך וואס קומט אויסהיילן, איין מלאך וואס קומט מבשר זיין, און איין מלאך וואס קומט איבער דרייען סדום.- ס'איז ידוע, פאר יעדער איינער א מלאך מאכט נאר איין שליחות, ער קען נישט מאכן צוויי שליחויות. ער קען נישט, נישט מאכן וואס מ'הייסט איהם. דאס איז די געדענק, פון מלאכים.

אבער, מ'וועט אנהייבן אריין גיין אין אונזער וועלט, וועט מען טרעפן אז מיר האבן גאר אסאך צו טוען מיט דעם ענין פון מלאכים.

א איד ווען ער טוט א מצווה - ער באקומט א מוירעדיגע כח - מצווה גוררת מצווה. ר' אליעזר בן יעקב אומר, עשה לו פרקליט אחד. מען באשאפט א פרקליט, א פרקליט הייסט א מלאך וואס ער איז מליץ טוב פארן מענטש, ער טוהט די טובה פון דער מענטש. דער מענטש שטייט אין א מלחמה נאכאנאנד, ער שטייט אין א דין, "אדם נידון בכל יום" - יעדן טאג, יעדן שעה, ווי די גמרא זאגט "אדם נידון בכל שעה"

### א מלאך צו די רעכטע זייט

ממילא, ווען ער טוט א מצוה און ער באשאפט מיט דעם א מלאך, האט ער א מלאך, און א כח וואס העלפט עם צו טועהן גוטס. "מצווה גוררת מצווה", ס'טשעפעט צו צו איהם גאר גוט. עד כדי כך, די לשון פון די פסוק וואס אונז זאגן ביי כפרות "אם יש עליו מלאך אחד מיני אלף" ,

די גמרא זאגט אזוי: אז איין מלאך אליין, טרעפט אויף איהם עפעס א גוטע שטיקל העלפט דאס אויכעט פאר די מענטש ארויס קריכן פון זיינע דינים ווען מ'איז דן אמענטש.

### מלאכים פון אלע סארט שליחיות

דארף מען אויך פארשטיין, אז אזוי ווי מ'פארשטייט אז ס'איז דא א מלאך

פון רפואה, און ס'איז דא א מלאך פון איבערדריינען א שטאט, איז דא אזא זאך, אזא הנהגה אויף די וועלט, אז יעדע גוטע זאך, און אויך חלילה רח"ל יעדע שלעכטע זאך וואס מ'פירט צו פון הימל מיט א מענטש, אז אלץ וואס קומט פאר איז בשליחותו של מקום.

### הכל לטובה

און אונז וועלן פארשטיין נאך מער, מ'האלט אין איין דערציילן מעשיות פון השגחה פרטית: דער איז געגאנגען טוהן די און די זאך, אינמיטן איז געקומען א סיבה און ער האט געכאפט א קלאפ און נישט געקענט גיין. און למעשה, יענע אוטו איז אראפ געפאלן... און ס'איז עס אויסגעקומען אז דאס איז די בעסטע. און מ'זעהט אז ס'איז א מורידיגע מעשה, און וואס הייסט השגחה פרטית...

אז מיר זעהן אסאך מאהל, אז ס'האט אויסגעקוקט אז ס'איז געווען א שווארצע מלאך - שליחות לרעה. אבער באמת - 'אה, ניין, ס'איז א שליחות לטובה'. וועגן דעם קען מען דאס פארשטיין אז לעתיד לבוא וועט מען זעהן אז אלץ איז געווען גוט! וואס הייסט אז אלץ איז געווען גוט, אלע מאכן שליחותו של מקום. ס'איז דא זאכן וואס אונז פארשטיין נישט, און ס'איז דא זאכן וואס אונז פארשטיין יא.

### ממנו לא תצא הרעות

אבער, דער אייבישטער פארשטייט אלעס און ער ווייסט די טובה פון אלעס, קומט אויס אז דער מענטש נאכאנאנד פאבריצירט מלאכים. און ווען ער פאבריצירט גוטע מלאכים, גוטע שליחים, גוט ער כח אויף די וועלט, ער שיינט אריין אין די וועלט גוט'ס. ממילא, ווערט ער ארום גענומען מיט גוט'ס, ער ווערט צוגעטשעפעט צו גוט'ס, און ס'ווערט מערער און מערער.

עד כדי כך אז ס'איז דא א באוויסטער יסוד, אז ווען א מענטש טוט תשובה אויף זיינע עבירות, נאך די תשובה איז דא א גאנצער מהלך, וואס ווערט מיט די מלאכים, וואס דער מענטש האט געמאכט שלעכטע מלאכים, ער האט געמאכט שלעכטע כחות אויף די וועלט, שלעכטע זאכן, און דאס איז גאנצע באשעפענישן.

### א מלאך איז אויך צוזאמגעשטעלט פון א גוף און א נשמה

עס שטייט, און עס איז מבואר אין חסידישע ספרים אז ווען דער איד האט חרטה, נעמט ער ארויס די נשמה פון די מלאך. און ווען ער מאכט דער ווידוי איז ער מבטל די גוף פון די מלאך. עד כדי כך! אז ס'איז ידוע די יסוד וואס די גמרא שטעלט אוועק, אז מיט דעם כח פון קריאת שמע שעל המיטה הארגעט מען זייער זייער אסאך פון די מלאכים - שלעכטע מלאכים. ס'שטייט דארטן אז ער האלט אזוי ווי א "חרב פיפיות בידם". ס'איז א ברייטע סוגיא און גמרא, אז ווען א מענטש לייענט קריאת שמע שעל המיטה הארגעט ער מלאכים, און ער איז מבטל אלע מזיקים, אלע שלעכט'ס אויף די וועלט.

### בטל רצונך מפני רצונו

יעצט ווען מען דאס פארשטיין, א ביסל פון אונזער חלק, אז ווען א מענטש מאכט א מצווה און ער טשעפעט זיך צו צום אויבערשט'ן, דאס טייטש אז זיין אנוכיות, זיין 'ישות' קוועטשט ער א ביסל אראפ. און ער איז זיך מבטל צום אויבערשט'ן, ווערט ער אין א מצב פון שליחות. ער ווערט אויס "איך", און ווער איז ער יא? ער מאכט שליחותו של מקום, ער האט דיר געהייסן טוהן די און די זאך - דו טוסט דאס, ביסטו זיין שליח.

### "שליחו של אדם כמותו"

אבער, ס'איז נישט גענוג מיט זיין נאר א שליח, נאר ביסט דאך "שליחו של אדם כמותו" און דו ביסט זיך מבטל צום 'משלח'. ממילא, באקומסט אויכעט כח, למעשה קומט אויס אז מ'באקומט נאך און נאך כח אין עבודת ה', ווען מ'טוט שליחותו של מקום.

### א איד איז העכער ווי א מלאך

אבער, אונז ווייסן, און יעצט וועט מען ארייגגיין אין די צווייטע חלק: א מענטש איז נישט א מלאך. נארמאל וואלט מען געקענט זאגן אז א מענטש טוהט שליחותו של מקום, ממילא איז ער אויכעט א מלאך - ער מאכט אויך שליחויות. ניין.

א מענטש איז אינגאנצן אן אנדערער זאך, און ער קען צוקומען צו זיין נאך אסאך העכער ווי א מלאך! און ס'איז ידוע.

די מלאכים האבן געזאגט "תנה הודך על השמים" - האט מען זיי געזאגט - "כלום יצר הרע יש בידכם" - ' אבער די מלאכים האבן א טענה מיר פארשטייען נישט, מ'זאגט פאר'ן מענטש, אז וויל ער האט א יצר הרע קומט זיך עם מער די תורה?! ער איז דאך אסאך קלענער פון אונז מלאכים, און ער קען דאך זינדיגן? ער האט א בחירה. אונז האבן דאך נישט קיין בחירה, אונז זענען אזוי הויך. אונז ליגן און הענט פון אייבישטער, אונז קענען נישט טוהן פארקערט. קומט זיך אונזער זייט מער די תורה'.

### דער איד איז א "שותף" אין מעשה בראשית

די טיפקייט גייט אינגאנצען פון די אנדער זייט, און דאס איז מבואר: די גמרא זאגט, ווען א איד שטעלט זיך שבת ביי נאכט און ער מאכט קידוש "נעשה שותף לקב"ה במעשה בראשית". דער איד, מ'האט עם געגעבן תורה און מצוות. און מ'האט עם אריינגעגעבן א זאך וואס רופט זיך 'חלק אלוק ממעל'.

ווען א מענטש, למשל, האט א פאבריק און ער האט ארבעטארער, און ער שיקט ער מיט זיי א שליחות, איז דאס די שליחות פון דער בעל הבית, אבער ווען צוויי שותפים האבן א פאבריק. און אפילו איין שותף זאגט פארן צווייטן: 'גיי פאר, בשליחות די פאבריק און מאך די זאך, און קויף אן'. - פון איין זייט איז ער טאקע א שליח, אבער ער איז נישט נאר א שליח, ער איז דאך אויכעט א שותף. מ'קען עם נישט רופן נאר א שליח, ווייל ער איז א שטיקל שותף. ער

האט נישט א דרגה פון א שליח, ער קען מחליט זיין במידה מסוימת, ער האט אויך זיין אייגענע מיינונג אין די זאכן.

### *די מיינונג פון א בעל בחירה*

דער אייבישטער האט געגעבן פארן איד די בחירה, ער האט עם טאקע געגעבן 'שליחות של מקום'.

אין חז"ל טוט זיך, מ'דארף וויסן די סוגיא לגבי די כהנים: שליחא דידן או שליחא דרחמנא. דאס איז עפעס א שליחא דרחמנא ווען ער טוהט עבודת ה'.

אבער, ווייל "אשר בחר בנו מכל העמים". אונז וואס ער האט אונז געגעבן א "חלק 'אלוק' ממעל' האבן אונז א העכערע דרגה פון א מלאך, ווייל א מלאך איז א "עומד" און ער קען נישט טועהן אנדערש. ער האט נישט דעם "גדול המצווה ועושה" ווייל ער האט נישט קיין יצר הרע אויף פאקערט. און ער האט אויכעט נישט די זאך פון "חלק 'אלוק' ממעל' וואס איז במידה מסוימת די חלק השותפות מיט'ן באשעפער פארוואס א איד קען צוקומען אסאך העכער ווי מלאכים. און פארקערט קען ער ח"ו אויכעט פאלן - דאס איז די נקודת הבחירה, און ממילא רופט מען נישט א מענטש א מלאך, א מלאך רופט מען אן ווען ער מאכט א שליחות און דאס איז דאס, אן קיין שום זאכן.

### *מצדך אלף ורבבה מימינך - רבבות מלאכים*

מ'וועט צוריקגיין צו אונז, אונז האבן כח צו באשאפן נאכאנאנד מלאכים. מלאכים טובים, וואס זיי העלפן אונז נאכאנאנד. און אסאך מאהל דער מענטש ווייסט אליין נישט, וויפיל גוט'ס דרייט ארום עהם. וויפיל גוטע מלאכים דריין זיך ארום עהם, וואס ער, צו זיינע תלמידים, צו זיינע קינדער, צו זיין שטוב - האבן באשאפן, ווי די גמרא זאגט אז אמענטש קען האבן ארום זין עלעף טויזענט מלאכים וואס ער האט באשאפן וואס קומט צו עהם גוט'ס, שפע דקדושה, מחשבות טובות.

אונז זאגן אלעמאל ראש השנה ביי די תקיעות: 'שכל המלאכים, וואס גייען ארויס פון דעם שופר, און אויך די מלאכים וואס מ'מאכט מיט סוכה, די אלע מלאכים - וואס איז די שליחים, די גוטע ווייסע מלאכים, די גוטע כוחות הטוב, די גוטע שליחים - אונז האבן באשאפן די מלאכים! און די מלאכים באגלייטן אונז, און דאס געבט אכטונג אויף אונז.

ממילא, קען מען פארשטיין - יא, אונז זאגן דעם שירת המלאכים, אונז האבן שייכות צו די נקודה פון מלאכים. און צו אונז קומען זיי אויכעט, צו אברהם אבינו איז געקומען דריי מלאכים, אונז האבן אויכעט צו טועהן מיט די נושא פון באשאפן און אריינברענגען אין די וועלט מלאכים טובים, שליחים טובים, און אריינברענגען דעם אור פון אויבערשט'ן און די רוחני פון די וועלט, און דעם שיין פון די וועלט, און דאס וועט אונז באגלייטן עד סוף כל הדורות. דער אייבישטער זאל העלפן, מזאל לעבן מיט די נקודה סיי באהאפטען, סיי און קשור, און דבוק אין חיי החיים, און באשעפער.

## *חיזוק יומי / יכול לידע שתקובל ותקשיב אזנו יתברך*

א סגולה צו קענען אויספועל'ן ביי א תפילה, ווי מיר לערנען פון די הייליגע ווערטער פון בעש"ט הק'. א מורא'דיגער יסוד אויף קבלת התפילה וואס דער הייליגער בעש"ט לערנט אונז, א סימן צו וויסן אז ס'ווערט נתקבל די תפילה.

### *א סימן אויף קבלת התפילה פונעם הייליגן בעש"ט*

דער הייליגער תולדות פרשת נשא (ד"ה והרבה דברים), ברענגט ער אראפ א קליין שטיקל פון בעש"ט און מ'וועט עס פראבירן צו נעמען אין אונזער וועלט.

שרייבט ער אזוי: **שמעתי ממורי** - דאס מיינט דער הייליגער בעש"ט **פירוש הפסוק** (תהלים י, יז) **תכין לבם תקשיב אזנך**. שטעלט פאר דער הייליגער בעש"ט און זאגט אזוי: **רוצה לומר כי סימן זה מסור ביד האדם** - ס'איז דא א סימן וואס דער מענטש קען וויסן, ס'איז איבערגעגעבן אין דעם האנט פונעם מענטש **שאם נזדמן** - טאמער ס'האט אים זיך אויסגעשטעלט, **שיזכה להכין לבו ולהתפלל לפניו בלי שום מחשבה זרה עכ"פ** - א מענטש וואס ס'האט אים זיך אויסגעשטעלט א דאווענען אן מחשבות זרות, **או בדחילו ורחימו** - מיט אהבה ויראה, **כל אחד לפי מדריגתו** - יעדער איינער מיט זיין מדריגה - באלד וועלן מיר מדייק זיין אין דעם באדייט 'לפי מדריגתו' - **אז ידוע כי נתקבלה תפילה ההיא** - איז ידוע אז ס'ווערט נתקבל דער דאווענען בזה שכתוב תכין לבם תקשיב אזנך, **כי בעת שמתפלל יכול לידע שתקובל ותקשיב אזנו יתברך.**

### *כל אחד לפי מדריגתו*

איך וויל זיך אוועקשטעלן אויף א נקודה וואס מיר זעהן דא.

דער הייליגער תולדות יעקב יוסף ברענגט פון דעם הייליגן בעש"ט "בלי שום מחשבה זרה או בדחילו ורחימו" און ער לייגט צו נאך פיר ווערטער **"כל אחד לפי מדריגתו"**. מ'פאדערט נישט פון א מענטש מער ווי זיין מדריגה. אבער ווען א מענטש וועט זיך אוועקשטעלן דאווענען און ער האט צ.ב. א טעלעפאן ביי זיך אדער אלע ערליי זארגן, און פאר ווען ס'קומט דער צייט פון דאווענען פארלעשט ער אלעס אין זיין מח, ער פארלעשט דעם מוביל, ער "פארלעשט" די שול, ער זעהט נישט קיין מענטשן, ער זעהט יעצט נישט קיין

משפחה, ער זעהט גארנישט. ער פראבירט אפשטעלן. לפי מדריגתו - ווי ס'שטייט - די גאנצע וועלט שטייט. דאס הייסט להכין לבו להתפלל בלי שום מחשבה זרה כל אחד לפי מדריגתו.

ער זאל זיך אוועק זעצן אויף א צוויי-דריי מינוט און פארגעסן פון די וועלט, צו ער גייט אין א אנדער בית מדרש וואס ער איז נישט צוגעוואוינט. ס'איז דא מענטשן וואס קוקן אויף אים ס'וועט אים יא שטערן, צו פונקט פארקערט, אין א פלאץ וואס ער איז זייער צוגעוואוינט, און ער שטעלט אפ די וועלט. ס'יעצט נישטא קיין פלאפון, ס'יעצט נישטא זיין ארבעט, נישטא קיין זאך[1], צו ווי ס'איז דא ליכטיגע אידן וואס זיי נעמען בכלל נישט אריין אין בית מדרש דעם טלפון, בשעת'ן דאווענען לאזן זיי עס אין קאר צו אין שטוב, צו זיי האבן א שאפע פון תפילין איז ווען זיי גייען דאווענען לאזן זיי דעם טלפון אין שאפע פון תפילין. די געדאנק איז אז דער מענטש שפירט ביי זיך: "יעצט בין איך אפגעטיילט פון די וועלט" "יעצט בין איך ביים באשעפער" און ביים באשעפער איז אלעס דא, און ס'אינטערעסירט מיר יעצט נישט גארנישט. איך מיטן באשעפער אליין. דאס אליין איז מסוגל אויף קבלת התפילה.

### תפילה - א ייחוד פונעם מענטש מיטן באשעפער

ממילא, א איד דארף וויסן, ב"ה אונז האבן די זכיה צו דאווענען דריי מאל א טאג, אשרינו מה טוב חלקינו מ'דארף זיין גליקליך און צופרידן, אונז האבן די זכיה צו דאווענען. אבער א שאד צו צוברענגען מיט די אייגענע הענט אז מ'זאל נישט האבן די ענין פון קבלת התפילה. ווייל אז מ'וויל בשעת די דאווענען צוהאלטןביידע ברעגן, ביידע זייטן אין איין מאל, מצד אחד האבן אונז אין קעשענע א אפענער טלפון, ומצד שני קבלת התפילה - ס'איז דברים הסותרים. א איד דארף וויסן, בשעת תפילה איז א יחוד קודשא בריך הוא ושכינתא, א באהאפטענונג צווישן אים מיטן באשעפער, און בשעת ווען ער איז זיך מייחד מיטן באשעפער איז נישטא אויף די וועלט גארנישט, דעמאלטס באקומט ער באמת די נקודת יחוד פון די תפילה. אבער טאמער ער איז פוסח על שני הסעיפים עד כדי כך אליהו הנביא האט געזאגט פאר די אידן אין הר הכרמל (מל"א יח, כא): עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים אם ה' האלקים לכו אחריו ואם הבעל לכו אחריו. דער טייטש אז ס'קען נישט גיין, מ'מוז מיט כח זיך אפטשעפען. עד כדי כך האט ער געזאגט, ווילט איר גיין עבודה זרה גייטס... אבער ביידע צוזאמען איז די ערגסטע[2].

### *שתקובל תפילתו ותקשיב אזנו יתברך*

טאמער אונז ווילן באמת קבלת התפילה - וואס אונז האבן עס סיי ווי סיי דריי מאל א טאג - זאלן מיר זיך משתדל זיין כל אחד לפי מדריגתו - ווי דער לשון דארטן איז - זיך אפטשעפען פון די מחשבה זרה, ממילא זאגט דער בעש"ט צו: **בעת שמתפלל יכול לידע שתקובל ותקשיב אזנו יתברך**, און ס'וועט נתקבל ווערן אונזערע תפילות ברחמים וברצון, אמן.

[1] ער קען טראכטן אויף די זאך וואס ער גייט מתפלל זיין ווייל דאס הייסט דאך תפילה. ס'הייסט נישט אז ער האט זייטיגע הרהורים. פארקערט, ער בעט דעם אויבערשטן: רבש"ע! האסט מיר צוגעשיקט די און די זאך, העלף מיר! און ווי דער יסוד וואס דער הייליגער בעש"ט לייגט אוועק, ס'ווערט אראפגעברענגט אין בן פורת יוסף (דף כ"ג ע"א), אויף דעם פסוק בצר הרחבת לי (תהילים ד, ב), א שטיקל וואס למעשה איז די נקודה אז נישט חס ושלום אז דער פראבלעם וואס דער מענטש האט איז צו פארגעסן פון אויבערשטן, נאר פארקערט געדענקען פון באשעפער און נתקרב ווערן צו אים. וויסן אז ווען ער האט א חסרון איז שכינתא בגלותא לגבי דעם, אבער זיין תפקיד איז צו צוריק מגלה זיין דעם אויבערשטן אויף די וועלט, דאס הייסט אז דער אויבערשטער איז נסתר אויף די וועלט און ער איז צוריק מגלה, ער נעמט דעם פראבלעם וואס ער האט און ער קערט עס צום אויבערשטן - אז נאר דער באשעפער קען אים העלפן, און דער באשעפער האט געמאכט דעם פראבלעם כדי מ'זאל זיך ווענדן צו אים א.א.וו. - דאס הייסט נישט קיין מחשבות זרות, פארקערט, דאס הייסט מעלה געווען די פראבלעם צום אויבערשטן.

[2] די וועלט זאגט א געשמאקע ווערטל לגבי דעם ענין פון רבקה, וואס האט איר געבאדערט? ווייל ווען עוברת על פתחי עבודה זרה מפרכס לצאת און ביי בתי כנסיות מפרכס לצאת (רש"י בראשית כה, כב ד"ה ויתרוצצו) און זי האט מורא געהאט אז ער וועט דינען סיי עבודה זרה סיי אין בתי כנסיות, ביידע צוזאמען איז די ערגסטע. ווען איך ווייס קלאר אז ס'איז נאר איין זאך, ווייסט מען אז ס'איז איין זאך. איינער וואס ער גייט אויף ביידע דאס איז די ערגסטע.

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**